**איוף תיכף ארויסצוגעבן:** 08/01/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט אז טעמפל פארק וועט זיך צוריק עפענען נאך ברייטע זאמד טעסטינג ווייזט אז פארק איז זיכער פאר באנוץ דורך די פובליק**

***נאכפאלגנדיג לעצטיגע באריכטן האבן סטעיט אגענטורן געטעסט די זאמד פון די פארק פאר בליי שטאפלען און געפונען אז עס קומט נאך פעדעראלע און סטעיט זיכערהייט סטאנדארטן***

***העלט דעפארטמענט, ענווייראמענטאלע אפהיטונג דעפארטמענט און פובליק סערוויס דעפארטמענט קוקן איבער נאך פלעצער און באטראכטן קומענדיגע שריט***

***סטעיט זעצט פאר צו זאמלען באריכטן פון טעלעפאן פירמעס איבער דראטן וואס אנטהאלטן בליי***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז טעמפל פארק אין וואַפּינדזשערס פאָלס איז זיכער צו צוריק געעפנט ווערן נאכדעם וואס אנאליזן פון די זאמד ווייזן אז די בליי שטאפלען קומען נאך סטעיט און פעדעראלע זיכערהייט סטאנדארטן פאר קינדער שפילערטער. די פארק איז צייטווייליג פארשפארט געווארן צו זיין באזונדערס געווארנט נאכדעם וואס די פרעסע האט באריכטעט אז עס קענען מעגליך זיין העכערע בליי שטאפלען אין די זאמד צוליב אלטע דראטן וואס אנטהאלטן בליי וואס ליגן העכער די פארק, איבערגעלאזט דורך טעלעפאן פירמעס. די סטעיט'ס וויסנשאפטליכע אנאליז האט נישט געפונען קיינע באווייזן פון העכערע אדער פארשפרייטע בליי פארפעסטיגונג אין די שטח פון וואו די סעמפלס זענען גענומען געווארן. די אונטערזוכונג דורך מערערע אגענטורן צוזאמען פאר מעגליכע בליי-באזירטע טעלעפאן דראטן אין ניו יארק סטעיט קאמיוניטיס גייט ווייטער אן.

"מיין אדמיניסטראציע וועט שטענדיג אונטערנעמען פלינקע שריט צו זיכער מאכן אז אונזערע קאמיוניטיס זענען זיכער ווען עס זענען דא באריכטן פון פאטענציאלע סכנות צו די געזונטהייט פון די פובליק," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "איך בין פרייליך צו אנאנסירן אז מיר האבן פעסטגעשטעלט אז טעמפל פארק איז זיכער פאר עפנטליכע באנוץ, און מיר וועלן פארזעצן אונזער פארשונג איבערן סטעיט צו פארזיכערן די אנגייענדע געזונטהייט און זיכערהייט פון אונזערע קאמיוניטיס."

אין איר [ענדגילטיגע באריכט](#) האט די DOH'ס זאמד סעמפל פארשונג געפונען אז עס זענען נישטא קיינע באווייזן פון העכערע אדער פארשפרייטע בליי פארפעסטיגונג אין די שטח פון וואו די סעמפלס זענען גענומען געווארן, און די רעזולטאטן דייטן אן אז עס זענען נישטא קיינע באווייזן פון באדייטנדע אויסשטעלונג אדער סכנה צו די געזונטהייט פון די פובליק וואס באנוצט זיך מיט די פארק. די DOH און DEC ארבעטן צוזאמען מיט די פאראייניגטע שטאטן ענווייראמענטאלע באשיצונג אגענטור (Environmental Protection Agency, EPA) און זיי האבן גע'עצה'ט פאר די ווילעדזש אָוו וואַפּינדזשערס פאָלס צוריק צו עפענען די פארק.

**ניו יארק סטעיט העלט דעפארטמענט קאמישאנער, דר. דזשעימס מעקדאנעלד, האט געזאגט,** "א דאנק די פלינקע שריט פון עקספערטן פון די העלט דעפארטמענט, די דעפארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג און די דאַטשעס קאונטי דעפארטמענט פון אויפפירונג און קאמיוניטי געזונטהייט (Dutchess County Department of Behavioral and Community Health), זענען מיר פרייליך צו באריכטן אז טעמפל פארק אין וואַפינדזשערס פאָלס איז זיכער פאר באנוץ דורך די פובליק. מיר זעצן פאר מיט אונזער איבערבליק אריבער די סטעיט צו באשטימען אויב עס זענען דא אנדערע באזארגנדע פלעצער, און אויב עס זענען דא אזעלכע פלעצער, וועלן מיר אונטערנעמען באלדיגע שריט צו פארזיכערן אז די געזונטהייט פון אלע ניו יארקער איז באשיצט."

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג קאמישאנער, בעזיל סעגאָוס, האט געזאגט,** "אין אפרופונג צו באריכטן פון אלטע בליי דראטן אין טעמפל פארק, האבן ניו יארק סטעיט אגענטורן געארבעט בשותפות מיט די דאַטשעס קאונטי און ווילעדזש אָוו וואַפינדזשערס פאָלס רעגירונגען זיך צו שנעלערהייט פאראויס רוקן מיט א ברייטע טעסטינג פלאן. די רעזולטאטן פון די סטעיט'ס סעמפלס קענען בארואיגן די עלטערן און וואַפינדזשערס פאָלס איינוואוינער אז פארק באזיכער זענען זיכער פון זיין אויסגעשטעלט צו בליי. די DEC זעצט פאר צו ארבעטן פון די נאענט מיט די העלט דעפארטמענט, מיט די פובליק סערוויס דעפארטמענט און מיט לאקאלע שותפים צו פולשטענדיג אונטערזוכן די פאטענציאלע סכנות פון בליי דראטן און צו אונטערנעמען נויטיגע שריט צו באשיצן קאמיוניטיס און די ענווייראמענט."

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון פובליק סערוויס CEO, רארי מ. קריסטשיען, האט געזאגט,** "פובליק זיכערהייט איז א הויפט מאנדאט פון די קאמיסיע, און איך בין שטאלץ מיט די שנעלקייט פון די סטעיט אגענטורן און קאונטי שותפים ביים דורכפירן די פארלאנגטע טעסטס צו נאכקומען די מאנדאט און בארואיגן די זארגן פון די קאמיוניטי. מיר וועלן פארזעצן צו ארבעטן מיט אונזערע שותפים צו אונטערנעמען נויטיגע שריט צו באשיצן קאמיוניטיס און די ענווייראמענט."

בליי איז א נאטורליכע חלק פון זאמד, און געוועגטליכע שטאפלען פון בליי אין זאמד זענען צווישן 50 און 400 חלקים פאר יעדע מיליאן (parts per million, ppm) שטויב פון זאמד. אין צוגאב קען בליי אויך געפונען ווערן אין די פארב פון עלטערע היימער, אין שטויב, לופט, וואסער, זאמד און אין געוויסע פראדוקטן וואס ווערן גענוצט אין און ארום אונזערע היימער. בליי-באזירטע פארב אין היימער וואס זענען געבויט געווארן פאר 1980 איז די הויפט מקור פון העכערע בליי שטאפלען אין די בלוט פון קינדער. די אקצעפטירבארע מאקסימאלע שטאפל פאר שפילערטער פון קינדער לויט די EPA זאמד אנווייזונגען שטאפלען איז 400 ppm. אלע סעמפלס חוץ פון איינס וואס זענען אפגענומען געווארן דורך די DEC און DOH ביי די טעמפל פארק און ארומיגע פלעצער האבן געהאט בליי אונטער די מאקסימום. די איינציגסטע סעמפל וואס איז געווען העכער, מיט 410 ppm, איז געקומען פון די זייט פון די שאסיי און אינדרויסן פון די שפילארט, און דערפאר איז דאס נישט קיין זארג פאר די קינדער אדער פאר די אלגעמיינע פובליק.

פינף און צוואנציג באזונדערע סעמפלס זענען גענומען געווארן פון טעמפל פארק און פון די ארומיגע שטח, און זיי זענען אפגעשיקט געווארן צו ניו יארק סטעיט'ס וועלט'ס-בארימטע Wadsworth Center וואו די סעמפלס זענען אנאליזירט געווארן דורך א שיטה וואס באנוצט זיך מיט די ספעקטרום פון ליכט פון א פלאם וואס ווערט איינגעזאפט דורך די אטאמען — גערופן די EPA מעטאד B7000. די פעלד אונטערזוכונגען וואס זענען דערמאנט געווארן אין די לעצטיגע פרעסע באריכטן זענען דורכגעפירט געווארן מיט אן אינסטרומענט וואס קען געהאלטן ווערן אין די הענט, גערופן אן 'XRF מאשין', צו דורכפירן אן אונטערזוכונג פאר בליי אין די פארק. די כלי איז נוצליך צו מאכן ערשטיגע אונטערזוכונגען; אבער די רעזולטאטן דארפן פעסטגעשטעלט ווערן מיט מער אויסגעהאלטענע לאבארעטאריע אנאליזן פון זאמד סעמפלס. די ניו יארק סטעיט רעגירונג האט פארלאנגט און איז נישט

געגעבן געוואָרן סיי וועלכע ציפערן אָדער לאַבאָראַטאָריע אַנאַליזן וועלכע זענען דורכגעפירט געוואָרן אַלץ א חלק פון די לעצטיגע פרעסע באריכטן.

אום יולי 20, 2023 [האָט גאָווערנער האָקול אַנאָנסירט](#) אַז ניו יאָרק סטעיט קוקט איבער נאָך לאָקאַציעס וואו עס זענען דאָ אַלטע בליי-אנטהאלטענדע דראָטן פאַר פאָטענציאַלע זאָרגן. די DOH, DEC און DPS האָבן פאָראָרדנט די סטעיט'ס 246 טעלעפאָן פירמעס וואָס האָבן אינפראַסטרוקטור אין די סטעיט צו צוזאַמשטעלן א ליסטע פון אלע דראָטן אין די לופט, באַגראָבן אין די ערד אָדער אונטער די וואַסער וועלכע אנטהאלטן בליי אַריבער גאַנץ ניו יאָרק. אין די קומענדיגע פאַר וואָכן מוזן די טעלעפאָן פירמעס איבערגעבן א פולע ליסטע פון אַלע בליי-אנטהאלטנדע דראָטן, אין די לופט אָדער באַגראָבן, אין אייגנטום פון די פירמע, דראָטן וועלכע זענען נאָכאַלץ אין באַנוץ צו צושטעלן סערוויס און דראָטן וועלכע ווערן שוין נישט גענוצט אָבער דאַרפן נאָך אַוועקגענומען ווערן.

די DOH, DEC און DPS וועלן נוצן די אינפאָרמאַציע צו באַטראַכטן די נויט פאַר נאָך שריט, אַריינרעכענענדיג צו אידענטיפיצירן סיי וועלכע עמפינדליכע פלעצער צו לייגן אַלץ פּריאָריטעט פאַר ווייטערדיגע פאָרשונג, און זיי וועלן האַלטן קאָמיוניטיס אינפאָרמירט אַזוי ווי די באַמיאונגען גייען פאָראויס.

###

נאָך נייעס קען מען באַקומען ביי [www.governor.ny.gov](http://www.governor.ny.gov)
ניו יאָרק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | [press.office@exec.ny.gov](mailto:press.office@exec.ny.gov) | 518.474.8418